סטאטוט

פון דער יידישער פאלקסבאנק

אין ....

אַרויסגעגעבן פון יידישן
קאָאָפעראַטיוון פאָלקסבאַנק,
ווילנע.

209

ווילנע—1922.

דרוקעריי בר. ראזענטאל, ווילנע, רודניצקער 7.

סטאַטוט

פון ....

מיט באַגרעניצטער פאַראַנטוואָרטליכקייט.

I. די פירמע, זיץ-אָרט און אָרט אונטערנעמונג.

§ 1. די אונטערגעשריבענע גרינדן, אויפן סמך פון געזעץ וועגן קאָאָפּעראַטיוון פון 29 אָקטאָבער 1920 (דז. אוסטאוו", 111 №, 1920), אַ קאָאָפּעראַטיוו אונטער דער פירמע ....

....

מיט באַגרעניצטער פאַראַנטוואָרטליכקייט.

§ 2. דער זיץ-אָרט פון קאָאָפּעראַטיוו איז ....

....

§ 3. דער ציל פון קאָאָפּעראַטיוו איז אויפצוהויבן דיווירטשאַפטליכע און עקאָנאָמישע לאַגע פון זיינע מיטגלידער.

אין הסכם דערמיט פאַרנעמט זיך דער קאָאָפּעראַטיוו:

א) מיט אַרויסגעבן די מיטגלידער אַלער אַרט הלוואות;

ב) מיט אָננעמען אַלערליי פקדונות און קאַפּיטאַלן;

ג) מיט פאַרמיטלונג ביים איינקויפן אָדער פאַרקויפן האַנטווערקער-אויסאַרבעטונגען, רוי-שטאָפן, מכשירים און מאַשינעס, ווי אויך לעבנסמיטל;

ד) ערליידיקן אַנדערע פונקציעס, וואָס גייען אַריין אין געביט פון געלט-פאַרקער.

§ 4. די צייט פון עקזיסטענץ פון קאָאָפּעראַטיוו איז אַ אומבאַגרעניצטע.

II. די מיטגלידער, זייער רעכט און התחייבותן:

§ 5. דער קאָאָפּעראַטיוו מוז האָבן לכל־הפחות 25 מיטגלידער. מיטגלידער קענען זיין פיזישע און יורידישע פּערזאָנען, וועלכע האָבן רעכט צו נעמען אויף זיך התחייבותן.

אַ מיטגליד פון אַ צווייטן קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוו קען ניט זיין קיין מיטגליד פון דעם קאָאָפּעראַטיוו.

§ 6. די מיטגלידער פון קאָאָפּעראַטיוו ווערן אָנגענומען דורך דער פאַרוואַלטונג. די פּערזאָן, וואָס טרעט אַריין אין קאָאָפּעראַטיוו, דערלאַנגט אַ געהעריקע דעקלערעציע, אין וועלכער זי רעכנט אויס דעם טאָג פון אַריינטרעטן, נאָמען און פאַמיליע אָדער דעם רעכטליכן נאָמען פון דער פירמע, דעם וואוינונגס־אָרט, די געבורטס־דאַטע, די צאָל דעקלאַרירטע פּייען (§ 12) און די גרויס פון דער פאַראַנטוואָרטליכקייט, וואָס די פּערזאָן נעמט אויף זיך (§ 17).

ביים דעקלאָרירן ווייטערדיקע פּייען דאַרף מען אויך דער־לאַנגען אַ שריפטלאַכע דעקלעראַציע, אָנווייזנדיק די צאָל נייע פּייען. פּערזאָנען, וואָס קענען ניט שרייבן, קענען אונטערשרייבן זייערע דעקלעראַציעס בלויז מיט אַ צייכן. דער צייכן גילט אַזוי גוט, ווי אַן אונטערשריפט, אויב ער איז באַשטעטיקט אויפן זעלבן בלאַנק דורכן געריכט, נאָטאָריוס, גמינע־שעף אָדער דורך 2 מיט־גלידער פון קאָאָפּעראַטיוו, וועלכע קענען שרייבן.

די פאַרוואַלטונג קען אָפּזאָגן אָנצונעמען אַ מיטגליד, ניט אָנגעבנדיק קיין מאָטיוון. דער ניט אָנגענומענער האָט רעכט זיך צו ווענדן מיט אַ רעקלאַמאַציע אין אויפזיכטס־ראַט אין משך פון 2 וואָכן נאָכדעם, ווי ער האָט באַקומען דעם אָפּזאָג־באַשלוס. דער אויפזיכטס־ראַט דעצידירט ענטגילטן וועגן אָננעמען.

§ 7. יעדער מיטגליד האָט דאָס רעכט אַרויסצוטרעטן פון קאָאָפּעראַטיוו, דערלאַנגענדיק וועגן דעם אַ שריפטליכע מעלדונג. דאָס אַרויסטרעטן קען ניט פאָרקומען שפּעטער, ווי 3 חדשים פאַרן ענדיקן דעם אָפּעראַציאָנס־יאָר.

אַלס דאַטע פונם אַרויסטריט רעכנט זיך דער לעצטער טאָג פון דעם אָפּעראַציאָנס־יאָר, אין וועלכן ס'ענדיגט זיך דער טערמין

פון אַרויסטרעטן, וועלכער איז אָנגעוויזן אין דער מעלדונג פון מיטגליד. אויף דיזעלבע באַדינגונגען בנוגע דעם טערמין האָט יעדער מיטגליד רעכט זיך אָפּצוזאָגן פון אַ צאָל פּייען, וואָס איז מער פון איין גאַנצן פּיי. אַ מיטגליד וואָס שטאַרבט פאַרן ליקוויד־ירן דעם קאָאָפּעראַטיוו, רעכנט מען אַלס אַרויסגעטראָטן פון סוף אָפּעראַציאָנס־יאָר, אין וועלכן דער מיטגליד איז געשטאָרבן.

ביז דער צייט פירט אויס זיין אייגנטום (פאַרמעגנס)־רעכט דער יורש. אויב ס׳זיינען פאַראַן מער ווי איין יורש, מוזן זיי צו דעם צוועק באַשטימען אַ געמיינזאַמען באַפאָלמעכטיקטן.

אַ מיטגליד קען אויסגעשלאָסן ווערן: 1) אויב ער פאַראור־זאַכט דעם קאָאָפּעראַטיוו שאָדן דירעקט, אָדער ער פירט אַ טעטיג־קייט, וועלכע איז ניט אין הסכּם מיט די אינטערעסן פון קאָאָפּע־ראַטיוו; 2) אויב ער ערפילט ניט די התחייבותן, וועלכע ווערן אויף אים אַרויפגעלייגט דורכן סטאַטוט און בפרט, ווען ער צאָלט ניט איין די דעקלאַרירטע פּייען אין משך פון 6 חדשים (§ 12). אָן שום אויסנאַם־סיבות; 3) אויב נאָכן אָננעמען אים ווייזן זיך אַרויס אומשטענדן, וועלכע מאַכן אוממעגליך זיין אָנגעהעריגקייט צום קאָאָפּעראַטיוו (§ 5); 4) אין פאַל פון אָנגעבן ניט קיין אמתע ידיעות וועגן צושטאַנד פון זיין פאַרמעגן. דאָס אויסשליסן קומט פאָר אויפן סמך פון אַ באַשלוס פון דער פאַרוואַלטונג און ראַט (§ 33) און ווערט פאַרווירקליכט צום סוף פון דעם אפּעראַציאָנס־יאָר, אין וועלכן דער באַשלוס ווערט אָנגענומען.

וועגן אויסשליסן איז די פאַרוואַלטונג מודיע דעם מיטגליד דורך אַ רעקאָמענדירטן בריוו. פון דעם מאָמענט אָן האָט דער מיטגליד קיין רעכט ניט אָנטיילצונעמען אין די אַלגעמיינע פאַר־זאַמלונגען, אָדער אַריינצוגיין אין צוזאַמענשטעל פון אַ וועלכן ס׳איז אַנדער אָרגאַן פון קאָאָפּעראַטיוו.

אויב די סיבה פון אויסשליסן איז בטל געוואָרן, קען דער אויסגעשלאָסענער אויף ס׳ניי אַריינגענומען ווערן אין קאָאָפּעראַטיוו אַלס נייער מיטגליד, יעדנפאַלס ניט פריער פון צוויי יאָר נאָך דער דאַטע, ווען ער איז אויסגעשלאָסן געוואָרן.

§ 8. דער פּיי פון געוועזענעם מיטגליד ווערט אויסגעצאָלט

אויפן סמך פון דעם באַשלוס פון דעם יאָר, אין וועלכן דער מיט־גליד האָט אויפגעהערט צו געהערן צום קאָאָפּעראַטיוו, ניט שפּע־טער פון 3 חדשים נאָכדעם, ווי דער באַלאַנס ווערט באַשטעטיקט דורך דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג.

ביים אויסצאָלן קען דער קאָאָפּעראַטיוו פאַרהאַלטן די סומע, וואָס אים קומט, ניט קוקנדיק אויף דעם טערמין, אין וועלכן די חובות וואָלטן געדאַרפט געצאָלט ווערן.

אויב דער היזק פון באַלאַנס שטייגט אַריבער די סומע פון די איינגעצאָלטע פּייען פון רעזערוו־פאָנד און פון אַלע ספּעציעלע פאָנדן, דאַן איז דער געוועזענער מיטגליד מחויב צו באַצאָלן דעם קאָאָפּעראַטיוו אַזאַ טייל פון היזק, וועלכע פאַלט אויס אויף זיין חלק פּראָפּאָרציאָנעל פון דער צאָל דעקלאַרירטע פּייען, אויף וויפיל דער טייל איז אין די גרעניצן פון דער פאַראַנטוואָרטליכקייט, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען (§ 46).

תביעות וועגן אויסצאָלן פּייען ווערן פאַרעלטערט נאָכן פאַר־לויף פון 5 יאָר. די פאַרעלטערטע סומען גייען אַריבער אינגאַנצן אין רעזערוו־פאָנד (§ 44).

דער געוועזענער מיטגליד האָט ניט קיין רעכט אויפן רעזערוו־פאָנד און ניט אויף ק״ין אַנדער פאַרמעגן פון קאָאָפּעראַטיוו.

דיזעלבע תקנות גילטן אויך ביים אָפּזאָגן זיך פון פּיי (§ 7).

אין פאַל, אויב אין משך פון איין יאָר נאָכן אַרויסטריט פון מיטגליד ווערט אונטערגענומען אַ באַנקראָט־אַקציע, טראָגט דער אַרויסגעטראָטענער מיטגליד די פאַראַנטוואָרטליכקייט גלייך מיט אַלע איבעריקע מיטגלידער ביז דער ענדגילטיקער פאַרענדיגונג פון דער באַנקראָט־אַקציע. די תקנה איז אויך חל ביים אָפּזאָגן זיך פון פּאַי.

§ 9. פון די פּייען קען מען ניט באַפרייט ווערן, זיי קענען ניט אָפּגעגעבן ווערן צוריק און אויך ניט איינגעלייגט ווערן אַלס משכון. אויב דער מיטגליד האָט שוין אויפגעהערט צו געהערן צום קאָאָפּעראַטיוו, אָדער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון פּיי, דאַן קען ער די סכומים, וואָס ער מאָנט פון באַנק אויפן סמך פון אַרט. 8, אָפּגעבן ווען ס׳איז אָדער פאַרזעצן אַלס משכון.

§ 10. יעדער מיטגליד האָט הרעכט:

א) אָנטיילצונעמען אין דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג און אין איר טעטיגקייט (אַרט. 37).

ב) מיטאַרבעטן ביים צונויפרופן די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג (אַרט. 38).

ג) באַקומען פון קאָאָפּעראַטיוו אַ קרעדיט הן אַ פּערזענליכן, הן קעגן אַ ממשותדיקע גאַראַנטיע (§ 16—13).

ד) נאָכזען דעם פּראָטאָקאָל-בוך פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג (§ 40).

ה) צו פאָדערן מ׳זאָל אים אַרויסגעבן אויף זיין חשבון אַ קאָפּיע פון סטאַטוט, באַלאַנס און יערליכן באַריכט פאַר זייער באַשטעטיגונג דורך דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג § 43).

ו) געניסן פון די מיטלען פון קאָאָפּעראַטיוו אויף הצטרכותן, וועלכע זיינען פאָראויסגעזען אין די באַשלוסן פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג.

ז) נאָכזען די רשימה פון די קאָאָפּעראַטיוו-מיטגלידער.

§ 11. יעדער מיטגליד איז מחויב:

א) אָפּצוהיטן די תקנות פון סטאַטוט און די באַשלוסן פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג.

ב) איינצאָלן די פייען אויפן גרינדונגס-קאַפּיטאַל אין הסכם מיט די פאָדערונגען פון סטאַטוט (§ 12).

ג) טראָגן פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר די התחייבותן פון דער אונטערנעמונג אין הסכם מיט די תקנות פון געזעץ און פון סטאַטוט (§ 17).

ד) איינצאָלן אַיינשרייב-געלט אין סכום, וואָס ווערט באַשטימט דורך דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג.

§ 12. דער פיי פון יעדער מיטגליד באַטרעפט אַ סכום פון ....

....

די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג קען פאַרגרעסערן דעם סכום פון פיי, ווי אויך די גרויס פון דער פאַראַנטוואָרטליכקייט, ווי דאָס ווערט פאָראויסגעזען אין § 41.

די פאַרקלענערונג פון פיי, די פאַרקלענערונג פון די איינצאָלונגען אויפן פיי, די פאַרקלענערונג פון טערמין פאַר די איינ-

צאָלונגען, ווי אויך די פאַרקלענערונג פון דער פאַראַנטוואָרטליכ־קייט קען פאָרקומען בלויז לויט די באַדינגונגען, וואָס זיינען אָנגעוויזן אין אַרט. 73 פון געזעץ וועגן קאָאָפּעראַטיוון.

יעדער מיטגליד מוז זיך פאַרשרייבן לכל־הפחות אויף 1 פיי. ער קען זיך אויך פאַרשרייבן אויף אַ גרעסערער צאָל פייען, אויף וויפיל ער צאָלט זיי אינגאַנצן אַ יין פאַר איין מאָל, אָדער אויף וויפיל ער האָט די פריערדיקע פייען פאָלשטענדיק איינגעצאָלט.

די איינצאָלונג פון פיי קען זיין אַ איינמאָליקעביים אַריינ־טרעטן אין קאָאָפּעראַטיוו, אָדער ראַטעס־ווייז אין משך פון אַ יאָר צייט נאָך דער דעקלאַראַציע.

כל־זמן די דעקלאַרירטע סומע אויפן פייען־קאַפּיטאַל איז ניט פאָלשטענדיק איינגעצאָלטג עוואָרן, ווערן די פראָצענטן פון די פייען צוגערעכנט דעם מיטגליד צו זיין פיי.

אַלס באַווייז, אַז ער האָט איינגעצאָלט אויפן פיי, באַקומט דער מיטגליד אַ קוויטירונג אין מיטגלידס־ביכל.

§ 13. די גרויס פון קרעדיט, וואָס איין מיטגליד קען באַ־קומען, באַשטימט די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג.

הלואות ווערן אַרויסגעגעבן אויפן סמך פון וועקסל־התחייבותן אונטערשריפט־וועקסלען און אויף אַנדערע אופנים, וואָס ווערן פראַקטיקירט אין באַנק־פאַרקער.

וועגן געבן הלואות און וועגן דעם אופן ווי אַזוי צו זיכערן זיי, באַשטימט די פאַרוואַלטונג פון קאָאָפּעראַטיוו.

די התחייבותן פון די בעלי-חובות ביי הלואות קעגן אַ משכון, ווי אויך די התחייבותן פון יורידישע פערזאָנען, קענען אונטער־געשריבן ווערן דורך איין פערזאָן.

התחייבותן אויף הלואות, וואָס ווערן אַרויסגעגעבן אָן אַ ממשותדיקער גאַראַנטיע מוזן באַזיצן לכל־הפחות צוויי אונטער־שריפטן ד. ה. פון בעל־חוב און פון אַן ערב (זשיראַנט).

די הלואות, וואָס ווערן אַרויסגעגעבן זיינען טערמיניקע.

לאַנגטערמיניקע הלואות ווערן אַרויסגעגעבן בלויז ביי ממשותדיקע גאַראַנטיעס און לויט דעם סכום פון די לאַנג־טערמי־ניקע פקדונות (ווקלאַדן), וואָס ווערן אַריינגעטראָגן אין באַנק.

דער טערמין פון דער הלואה קען פאַר קיין פאַל ניט זיין מער פון 5 יאָר.

§ 14. די מיטגלידער קענען געניסן פון פערזענליכן קרעדיט, ווי אויך פון קרעדיט, וואָס ווערט געזיכערט דורך אַ ממשותדיקן משכון, דהיינו: ווערט-פאַפּירן, אומבאַוועגליכע און באַוועגליכע גיטער.

דער קאָאָפּעראַטיוו מעג שליסן אַלער אַרט אָפּמאַכן, וועלכע גייען אַריין אין געביט פון באַנק-ענינים, אויך מיט פרעמדע פּער-זאָנען, דערביי קענען די פרעמדע פּערזאָנען געניסן בלויז פון אַ קרעדיט, וואָס איז געזיכערט דורך ממשותדיקע גאַראַנטיעס.

דאָס פאַרזעצן (פאַרמשכונען) ווערט-פאַפּירן (פּראָצענט-פּאַ-פּירן) און אַנדערע באַוועגליכע גיטער קומט פאָר דורך אָפּגעבן די חפצים דעם קאָאָפּעראַטיוו צוזאַמען מיט אַ דעקלעראַציע, וועלכע איז אונטערגעשריבן פון זייער אייגנטימער און ערקלערט, אַז אין פאַל, אויב די הלואה וועט ניט אָפּגעצאָלט ווערן צום באַשטימטן טערמין, האָט דער קאָאָפּעראַטיוו רעכט צו פאַרקויפן די חפצים. דער קאָאָפּעראַטיוו גיט אַרויס אַ צייגניש, אַז ער האָט אָנגענומען די חפצים אַלס משכון.

אויף דער צייגניש דאַרף זיין בפרטיות באַצייכנט, וועלכע חפצים ס׳זיינען אָנגענומען געוואָרן און אויף וואָסערע באַדינגונגען די הלואה איז אַרויסגעגעבן געוואָרן.

§ 15. די חפצים, וועלכע זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן דעם קאָאָפּעראַטיוו אַלס משכון אויף דער גענומענער הלואה, קענען ניט סעקוועסטרירט ווערן אויף פּריוואַטע חובות, זיי קענען אויך ניט פאַראייניקט ווערן צו דעם בעל-חובס פאַרמעגן (אין פאַל פון אַ ליקוויטאַציע) כּל-זמן ס׳ווערן ניט אָפּגעגעבן דעם קאָאָפּעראַטיוו די גאַנצע הלואה מיט די פּראָצענטער.

§ 16. די גרויס פון דער הלואה, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן אויף אַ משכון, טאָר ניט באַטרעפן מער ווי 60 פּראָצ. פון מאַרק-ווערט פון די חפצים.

§ 17. די פאַראַנטוואָרטליכקייט פון מיטגליד פאַר די התחייבותן פון קאָאָפּעראַטיוו באַטרעפט ....

פון יעדער דעקלאַרירטן פּיי.

דער מיטגליד טראָגט פאַראַנטוואָרטליכקייט אויף פאַר אַלע התחייבותן וואָס דער קאָאָפּעראַטיוו האָט אויף זיך גענומען פאַר זיין אַריינטרעטן אין קאָאָפּעראַטיוו.

III. די (הנהגה) לייטונג פון קאָאָפּעראַטיוו.

§ 18. די לייטונג פון קאָאָפּעראַטיוו באַשטייט:
א) פון אַ פאַרוואַלטונג; ב) אויפזיכטס=ראַט; ג) אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג.

א. פאַרוואַלטונג.

§ 19. די פאַרוואַלטוגג באַשטייט פון............... מיטגלידער און פאַרטרעטער, וועלכע קלייבן אויס פון צווישן זיך אַ פאָרזיצער און זיין פאַרטרעטער און פאַרטיילן צווישן זיך די אַמטן אויפן סמך פון אַ פרייוויליקן אָפּמאַך, וועלכער ווערט פראָטאָקאָלירט.

די מיטגלידער פון פאַרוואַלטונג, ווי אויך די פאַרטרעטער, קלייבט אויס די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג אויף אַ משך פון 3 יאָר.

יעדער יאָר גייט אַרויס איין מיטגליד פון צוזאַמענשטעל פון פאַרוואַלטונג, לויט דעם עלטער פון זיין וואַל. אין משך פון די ערשטע צוויי יאָר נאָכן אויסוויילן די גאַנצע פאַרוואַלטונג באַשטימט וועגן אַרויסגאַנג — אַ גורל. די אַרויסגעטראָטענע מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג קענען אויף ס׳נייַ אויסגעוויילט ווערן. די וואַלן קומען פאָר לויט אַ געוויינליכער מערהייט שטימען פון די אָנוועזנדע אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג.

אין פאַל, אויב וועלכער ס׳איז פאַרוואַלטונגס=מיטגליד טרעט אַרויס פון פאַרוואַלטונג איידער ס׳ענדיקט זיך דער טערמין אויף וועלכן ער איז אויסגעוויילט געוואָרן, פאַרנעמט זיין אָרט אַ ממלא מקום, וועלכער פאַרנעמט זיין אַמט ביז דער נאָענטסטער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג.

די באַשלוסן פון פאַרוואַלטונג ווערן אָנגענומען דורך אַ געוויינליכער מערהייט שטימען. די פראַגן, וואָס קענען ניט אַנטשיידן ווערן צוליב אַ חלוקי=דעות, באַשליסט דער ראַט.

די מיטגלידער פון פאַרוואַלטונג קענען אָפּגערופן ווערן פון זייער אַמט דורך אַ באַשלוס פון ראַט. אין אַזאַ פאַל דאַרף מען

תּיכּף צונויפרופן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, וועלכע ס׳דאַרפן פאָר־געלייגט ווערן די מאָטיוון פון אָפּרופן.

§ 20. יעדער ענדערונג פון די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער דאַרף תּיכּף געמעלדעט ווערן צום רעגיסטראַציע־געריכט, דערביי דאַרף די פאַרוואַלטונג ביילייגן אַ קאָפּיע פון די דאָקומענטן, וועלכע באַשטעטיקן די אויספירונג פון דער ענדערונג. די נייע מיט־גלידער פון דער פאַרוואַלטונג שרייבן תּיכּף אונטער זייערע אונ־טערשריפטן אין אַ אָריגינעלער פאָרם.

אַן ערקלערונג אין נאָמען פון קאָאָפּעראַטיוו גיבן איבער צוויי מיטגלידער פון פאַרוואַלטונג.

ערקלערונגען, וועלכע זיינען געווענדעט צום קאָאָפּעראַטיוו און זיינען געמאַכט געוואָרן אין לאָקאַל פון קאָאָפּעראַטיוו מונדלעך אָדער שריפטלעך איינעם פון די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער, זיינען פאָלשטענדיק רעכטליך בנוגע דעם קאָאָפּעראַטיוו. דאָס זעלבע איז נוגע אַלערליי פאַרטרויאונגען.

פאַרן קאָאָפּעראַטיוו שרייבט זיך אונטער די פאַרוואַלטונג אויף אַזאַ אופן, אַז צו דער פירמע לייגן די אונטערשרייבער צו זייער אונטערשריפט. אויף אַלעראַרט התחייבותן, וואָס זיינען גע־נומען געוואָרן אין נאָמען פון קאָאָפּעראַטיוו, מוזן זיך געפינען לכל הפחות צוויי אונטערשריפטן פון פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער; דאָס זעלבע איז בנוגע אַלעראַרט קוויטונגען און בריוו, וואָס ווערן אַרויסגעשיקט אין נאָמען פון קאָאָפּעראַטיוו.

§ 21. די פאַרוואַלטונג צוזאַמען מיטן אויפזיכטס־ראַט (§ 33) קען באַשטימען באַפאָלמעכטיקט דירעקט צו פירן די ענינים פון קאָאָפּעראַטיוו, זיין קאַנצעלאַריע אָדער אָפּטיילונג. אַזעלכע באַ־פולמעכטיקטע קענען ניט אָן אַ ספּעציעלער באַפאָלמעכטיקונג פון פאַרוואַלטונג קויפן, פאַרקויפן אָדער פאַרמשכּנען אומבאַוועגליכע גיטער, אונטערשרייבן וועקסלען, מאַכן הלוואות אָדער פירן פּראָ־צעסן אין נאָמען פון קאָאָפּעראַטיוו.

§ 22. די פאַרוואַלטונג קען באַקומען פאַר איר טעטיגקייט געצאָלט לויט דעם באַשלוס פון אויפזיכטס־ראַט, אין די ראַמע

פון ביודזשעט, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן דורך דער אַלגעמיי־נער פאַרזאַמלונג.

§ 23. די באַשלוסן פון פאַרוואַלטונג קענען אָנגענומען ווערן ביי דער אָנוועזנהייט פון לכל־הפחות צוויי מיטגלידער און מוזן אַריינ־געשריבן ווערן אין אַ באַזונדער בוך מיט נומערירטע זייטן. ביים באַטראַכטן אַ פראַגע, וואָס איז נוגע איינעם פון די מיטגלידער פון פאַרוואַלטונג, קען דער מיטגליד אין די באַראַטונגען קיין אָנטייל ניט נעמען.

אומאָפּהענגיק פון די שטענדיקע אַמטן פון די איינצלנע מיט־גלידער (§ 19), אַנטשיידט די פאַרוואַלטונג אויף אירע זיצונגען די וויכטיקערע פראַגן.

צונויפרופן אַ זיצונג האָט רעכט יעדער מיטגליד פון פאַר־וואַלטונג.

§ 24. די פאַרוואַלטונג רעפּרעזענטירט דעם קאָאָפּעראַטיוו אין אַלע מלוכה'שע, קאָמונאַלע און געזעלשאַפטליכע אַנשטאַלטן אָן אַ ספּעציעלער באַפאָלמעכטיקונג.

§ 25. אין די פליכטן פון דער פאַרוואַלטונג גייט אַריין די אָנפירונג מיט אַלע ענינים פון קאָאָפּעראַטיוו און בפרט: 1) פירן דעם רייסטער פון די מיטגלידער לויט די פּרינציפּן, וואָס ווערן באַשטימט דורכן קאָאָפּעראַטיוו־ראַט; 2) אָרגאַניזירן די ביוראָען און די פירונג פון די ביכער און רעכענונגען, די השגחה איבער דער זיכערער אויפהאַלטונג פון די מזומנים און אַנדערע מינים אייגענ־טום פון קאָאָפּעראַטיוו; 3) דאָס אָנגעמען און באַפרייען אָנגע־שטעלטע און די באַשטימונג פון זייערע שכירות אין די גרעניצן פון ביודזשעט. 4) אַרויסגעבן הלוואות און די אויפזיכט איבער זייער איינקאַסירונג. 5) אָננעמען וקלאַדן און מאַכן הלוואות. 6) צושטעלן דעם אויפזיכטס־ראַט מאָנאַטליכע באַלאַנסן, יעדער דעצעמבער — אַ פּראָיעקט פון אַ ביודזשעט אויפן צוקינפטיקן יאָר און שפּעטסטנס אין מערץ — אַ באַריכט וועגן דער טעטיגקייט און די רעזולטאַטן דערפון פאַרן פאַרגאַנגענעם יאָר, ווי אויך אַ פּראָיעקט פון פאַר־טיילן דעם ריינעם ריוח אָדער דעקן די היזקות אויף פאָרצולייגן דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג. 7) באַטראַכטן פריער אַלע פראַגן,

וועלכע דאַרפן אַריינגעטראָגן ווערן אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג. 8) אויספירן און אָפּהיטן די אויספירונג, אין הסכם מיטן געזעץ, פון דער טעטיגקייט און פליכטן, וואָס זיינען אַרויפגעלייגט געווארן אויף דער פאַרוואַלטונג דורכן געזעץ, דעם דאָזיקן סטאַטוט און די באַשלוסן פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג אָדער פון אויפזיכטס-ראַט. 9) דאָס צונויפרופן די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג. 10) דאָס באַשליסן וועגן אָננעמען מיטגלידער און דאָס אָננעמען דעקלאָראַציעס אויף נייע פייען (§ 6 און 7).

§ 26. די פאַרוואַלטונג נעמט שטענדיק אַן אָנטייל אין די זיצונגען פון ראַט, בלויז מיט באַראַטונגס-רעכט, אויסער אין די פאַלן, ווען דער ראַט באַשליסט ניט צוצולאָזן די פאַרוואַלטונג צו אַ געוויסער זיצונג. שטים-רעכט האָבן די מיטגלידער פון פאַרוואַלטונג בלויז אויף געמיינזאַמע זיצונגען (§ 33).

ב. אויפזיכטס-ראַט.

§ 27. דער ראַט באַשטייט פון.................מיטגלידער און ....פאַרטרעטער וועלכע ווערן, אויסגעוויילט דורך דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון צווישן די קאָאָפּעראַטיוו-מיטגלידער, וועלכע באַזיצן אַ פאָלשטענדיקע פעאיגקייט פאַר רעכטליכער טעטיגקייט. אויב אַלס מיטגליד פון קאָאָפּעראַטיוו איז אַ צווייטער קאָאָפּעראַטיוו, דאַן קענען די מיטגלידער פון דעם זעלבן אַריינגיין אין צוזאַמענשטעל פון ראַט. די וואַלן קומען פאָר דורך אַ געהיימער אָפּשטימונג, דערביי ווערט גערעכנט פאַר אויסגעוויילט די פערזאָן, וועלכע האָט באַקומען אַ אַבסאָליוטע מערהייט שטימען פון די אָנוועזנדע אויף דער פאַרזאַמלונג.

די מיטגלידער פון ראַט ווערן אויסגעוויילט אויף 3 יאָר. יעדער יאָר טרעט אַרויס ⅓ פון זיי. אין די ערשטע 2 יאָר באַשטימט אַ גורל, שפּעטער—די צייט פון דינסט. די אַרויסטרעטנדע מיטגלידער קענען אויסגעוויילט ווערן אויף ס׳ניי.

אַ וואַל-פעריאָד דויערט פון אַ געוויינלעכער יערליכער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג ביז אַ ענליכער פאַרזאַמלונג אין צוקינפּטיקן יאָר.

אַ מיטגליד פון אויפזיכטס־ראַט קען אָפּגערופן ווערן פון ראַט פאַרן פאַרענדיקן זיין אַמטס־פעריאָד, דורך אַ באַשלוס פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג. דער באַשלוס דאַרף אָבער אָנגענומען ווערן דוקא, לכל־הפחות, דורך $3/_4$ שטימען פון די אָנוועזנדע אויף דער פאַרזאַמלונג.

אין פאַל, אויב ווער ס'איז פון די מיטגלידער גייט אַרויס פאַרן פאַרענדיקן דעם טערמין, אויף וועלכן ער איז אויסגעוויילט געוואָרן, גייט אַריין אויף זיין אָרט דער פאַרטרעטער, וואָס האָט בשעת די וואַלן באַקומען דעם גרעסטן סכום שטימען.

§ 28. די מיטגלידער פון ראַט ווילן אויס פון צווישן זיך נאָך דער געוויינלעכער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג אַ פרעזעס און אַ סעקרעטאַר, ווי אויך זייערע פאַרטרעטער.

די זיצונגען פון ראַט זיינען געזעצלעך, אויף וויפיל אין זיי נעמט אָנטייל דער פרעזעס אָדער זיין ממלא מקום, ווי אויך אַ העלפט מיטגלידער. באַשלוסן ווערן אָנגענומען דורך אַ מערהייט שטימען; אין פאַל, ווען די שטימען צוטיילן זיך אויף גלייך אַנטשיידט די שטימע פון פרעזעס, ביי וואַלן — אַ גורל. נאָרמאַלע זיצונגען מיט אַ פאָראויס באַשטימטן סדר־היום קומען פאָר לכל־הפחות איין מאָל אין חודש; דער פרעזעס האָט רעכט צונויפצורופן אַ זיצונג פון ראַט, ווען ער געפינט עס פאַר נויטיק פאַר די אינטערעסן פון קאָאָפּעראַטיוו, דער ראַט קען אויך צונויפגערופן ווערן אין משך פון אַ וואָך, לויט אַ פאָדערונג פון דער פאַרוואַלטונג אָדער פון העלפט מיטגלידער פון ראַט, אויב די פאָדערונג איז אַ שריפטלעכע און ס'זיינען אין איר אויסגערעכנט די געגנשטאַנדן פון די באַראַטונגען.

די באַשלוסן פון ראַט ווערן אַריינגעשריבן אין אַ באַזונדער ביכל מיט נומערירטע זייטן; די פראָטאָקאָלן שרייבן אונטער אַלע מיטגלידער וואָס זיינען אָנוועזנד אויף דער זיצונג.

אויב די באַראַטונגען זיינען נוגע איינעם פון די מיטגלידער, פון ראַט, נעמט דער זעלבער אין זיי ניט קיין אָנטייל.

§ 29. דער פרעזעס און די מיטגלידער פון ראַט, וועלכע ווערן באַפּאָלמעכטיקט דורכן ראַט, קענען אָנטייל נעמען אין די

זיצונגען פון פאַרוואַלטונג מיט באַראַטונגס=רעכט. דעם אָנטייל פון די פאַרוואַלטוננס=מיטגלידער און די זיצונגען פון ראַט רעדט אַרום דער אַרט. 26.

§ 30. די פליכטן פון ראַט:

1) די אַלגעמיינע גרינדלעכע השגחה איבער דער פירונג פון קאָאָפּעראַטיוו, די רעווידירונג פון דער קאַסע, רעכענונגען און פון דער גאַנצער קאַנצעלאַריע צו יעדער צייט, לויט זיין אייגזען, דורכן גאַנצן צוזאַמענשטעל אָדער דורך באַפּאָלמעכטיקטע דעלע=גאַטן און אין פאַל פון אַ נויטוועגדיגקייט אויך מיט אַרויסגערופענע פאַכלייט.

2) די פאָרבאַשטעטיקונג פון יערליכן הוצאה=ביודזשעט פאַרן צוקינפטיקן יאָר, וועלכער ווערט יערליך צוגעשטעלט דורך דער פאַרוואַלטונג, ווי אויך דאָס אַרויסגעבן אָן ערלויבניש אים אריבער=צושטייגן אין אויסנאַמס=פאַלן.

3) די באַטראַכטונג פון באַריכט און יערליכן באַלאַנס, ווי אויך פון פראָיעקט פאַר ריוח=פאַרטיילונג און עס אַריינטראָגן מיט אַן אייגענעם פאָרשלאָג אויף דער אַלגעמיינער פאַזאַמלונג.

4) די פאָרבאַטראַכטונג פון אַלע פראַגן, וואָס ווערן אַריינ=געטראָגן דורך דער פאַרוואַלטונג אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג.

5) דאָס פאָרלייגן דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג אַ קאַנדי=קאַנדידאַטן=ליסטע אויף מיטגלידער פון ראַט און פאַרוואַלטונג ; די ליסטע איז פאַר דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג ניט קיין אָבליגאַ=טאָרישע.

6) די פירונג פון פראָצעסן קעגן פאַרוואַלטונגס=מיטגלידער, אויף וויפיל די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג האָט צו דעם צוועק ניט באַשטימט קיין ספעציעלע באַפולמעכטיקטע.

7) די אויפזיכטס און קאָנטראָל איבער די ליקווידירונג פון קאָאָפּעראַטיוו.

8) באַשטימען די הויך פון די שכירות פאַר דער פאַרוואַל=טונג און פאַכלייט.

9) צונויפרופן אין פאַל פון אַ נויטווענדיגקייט אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג (§ 38).

10) בייזיין ביי די רעוויזיעס, וועלכע ווערן אויסגעפירט לויטן אויפטראַג פון רעוויזיאָנס־פּאַרבאַנד אָדער קאָאָפּעראַטיוו־ראַט (§ 47).

11) אָפּגעבן אַ באַריכט וועגן די רעזולטאַטן פון דער פאַר־באַנד־רעוויזיע אויף דער נאָענטסטער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג.

§ 31. די מיטגלידער פון אויפזיכטס־ראַט קענען באַקומען געצאָלט אין דער פאָרם פון שכירות פאַר יעדער זיצונג, זיי קענען אָבער ניט באַקומען קיין געוויסן טייל פון ריוח.

געמיינזאַמע פאָרשריפטן פאַר דער פאַרוואַלטונג און אויפזיכטס־ראַט.

§ 32. די מיטגלידער פון ראַט קענען ניט זיין גלייכצייטיק מיטגלידער פון פאַרוואַלטונג, זיי קענען אויך ניט זיין קיין אָנגע־שטעלטע פון קאָאָפּעראַטיוו.

מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג און אויפזיכטס־ראַט טאָרן ניט זיין קיין מאַן און ווייב; זיי טאָרן אויך ניט זיין קיין פריינד און מחותנים.

הן די מיטגלידער פון ראַט, הן די מיטגלידער פון פאַר־וואַלטונג קענען ניט זיין קיין מיטגלידער פון פאַרוואַלטונג אָדער אויפזיכטס־ראַט פון אַ צווייטן קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוו אָן דעם הסכם פון די אָרגאַנען, וואָס האָבן זיי אויסגעוויילט.

§ 33. פאָלגנדע ענינים ווערן ערליידיקט אויף אַ געמיינזאַ־מער זיצונג פון ראַט און פאַרוואַלטונג:

1) באַשלוסן וועגן אויסשליסן מיטגלידער.

2) איינקויפן און פאַרקויפן אומבאַוועגליכע גיטער.

3) דאָס באַשטימען די העכסטע סומע פון קרעדיט, וואָס קען אַרויסגעגעבן ווערן די איינצלנע אָנטיילנעמער אין די גרעניצן, וואָס ווערן באַשטימט דורך דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג.

4) דאָס פאָרלייגן דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג אַ פּראָיעקט צו באַנוצן די ספּעציעלע פאָנדן, וועלכע קענען אַנטשטיין ביים פאַרטיילן די ריוחים (§ 36, אָפּט. 5).

5) די באַשטעטיקונג פון די תקנות, וועלכע זיינען נוגע דער

טעטיגקייט פון ראַט, זיינען איינצעלנע אָפּטיילונגען, ווי אויך דער פאַרוואַלטונג און דער גאַנצער ביוראָ־פירונג פון קאָאָפּעראַטיוו.

6) דאָס אַריינטרעטן אין רעוויזיאָנס־פאַרבאַנד און פינאַנסן, צענטראַלע אָדער דאָס אַרויסטרעטן פון זיי.

7) גרינדן אָפּטיילונגען פון קאָאָפּעראַטיוו.

8) דאָס באַשטימען דעם אַרט סחורות און דעם אַרט פּראָצענטע פּאַפּירן קעגן וועלכע ס׳קענען אַרויסגעגעבן ווערן הלוואות און וועלכע מ׳קען איינקויפן אויפן חשבון פון קאָאָפּעראַטיוו.

9) דאָס באַשטימען די פּראָצענט און פּראָוויזיע־נאָרמעס פאַר דער טעטיגקייט פון קאָאָפּעראַטיוו.

10) די באַשטימונג פון באַפאָלמעכטיקטע (§ 21).

§ 34. אַן אַלגעמיינע זיצונג פון ראַט און פאַרוואַלטונג רופט צונויף, לויטן פאָרשלאָג פון דער פאַרוואַלטונג, אָדער לויט דער אייגענער איניציאַטיוו, דער פאָרזיצער פון ראַט, וועלכער איז אויך פאָרזיצער פון די זיצונגען. אויף די געמיינזאַמע זיצונגען האָבן שטים־רעכט הן די מיטגלידער פון ראַט, הן די מיטגלידער פון פאַרוואַלטונג. כדי אַרויסצוטראָגן אָבליגאַטאָרישע באַשלוסן, איז אָבער נויטיק אַזאַ מערהייט שטימען, וועלכע זאָל באַווייזן, אַז דאָס איז אַ מערהייט פוןביידע אַנשטאַלטן.

§ 35. יעדער מיטגליד פון פאַרוואַלטונג אָדער ראַט, וועלכע איז שולדיק אין אַ טאַט אָדער פאַרזען, וועלכע האָבן פאַראורזאַכט שאָדן דעם קאָאָפּעראַטיוו, ענטפערט דערפאַר פערזענליך. אויב ס׳זיינען פאַראַן מער שולדיקע ענטפערן זיי סאָלידאַר. די פאַראַנטוואָרטליכקייט ווערט פאַרעלטערט (פאַריעריקט) נאָכן פאַרלויף פון 5 יאָר, צייט ס׳איז קאָנסטאַטירט געוואָרן דער היזק.

אויב פאַרן פאַרעלטערט ווערן (דאַוונאָסט) ווערט פּראָקלאַמירט אַ באַנקראָט פון קאָאָפּעראַטיוו, קען דער שולדיקער זיך ניט פאַרענטפערן אַז ער האָט געמאַכט דעם היזק, אויספירנדיק אַ באַשלוס פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, אָדער אַז ער איז דורך דעם קאָאָפּעראַטיוו באַפרייט געוואָרן פון פאַראַנטוואָרטליכקייט.

אַלגעמיינע מיטגלידער־פאַרזאַמלונג.

§ 36. צו דער אויסשליסלעכער קאָמפּעטענץ פון דער אַל־געמיינער פאַרזאַמלונג געהערן.

1) דאָס אויסוויילן און אָפּרופן די מיטגלידער פון פאַרוואַל־טונג און אויפזיכטס־ראַט.

2) דאָס באַשטימען די גרעניצן פון העכסטן קרעדיט, וואָס קען געגעבן ווערן איין מיטגליד.

3) באַצייכענען די העכסטע סומען פון די התחייבותן, וועלכע דער קאָאָפּעראַטיוו קען אויף זיך נעמען.

4) די באַשטעטיקונג פון די באַלאַנסן און יערליכע באַריכטן, ווי אויך פון הוצאות ביודזשעט.

5) די באַשטעטיקונג פון פּראָיעקט וועגן דער פאַרטיילונג פון די ריוחים אָדער דעקונג פון די היזקות.

6) אָננעמען אַ באַשלוס וועגן באַריכט בנוגע דער אויס־געפירטער פאַרבאַנד־רעוויזיע (§ 47).

7) ענדערן דעם סטאַטוט (§ 41).

8) אָננעמען אַ באַשלוס בנוגע דער פאַרנאַנדערלייזונג און ליקווידירונג פון קאָאָפּעראַטיוו (§ 49).

9) די פירונג פון פּראָצעסן קעגן די מיטגלידער פון ראַט און פאַרוואַלטונג, ווי אויך דער אויסוואַל פון באַפאָלמעכטיקטע צו דעם צוועק.

10) באַטראַכטן די אָנקלאַגעס, וואָס זיינען אַריינגעטראָגן געוואָרן קעגן ראַט און פאַרוואַלטונג.

11) באַשטימען דעם סכום פון איינשרייב־געלט.

§ 37. אַ מיטגליד קען אָנטיילנעמען אין דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג בלויז פערזענליך. פערזאָנען, וועלכע קענען זעלבסטשטענדיק ניט צוטרעטן צום קאָאָפּעראַטיוו, נעמען אָנטייל אין דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג דורך רעכטליכע פאַרטרעטער, יורידישע פערזאָנען — דורך ספּעציעל צו דעם צוועק באַשטימטע באַפאָלמעכטיקטע; וועלכע באַזיצן שריפטליכע באַפאָלמעכטיקונגען. אַ באַפאָלמעכטיקטער קען פאַרטרעטן ניט מער, ווי איין מיטגליד.

יעדער מיטגליד האָט איין שטימע, ניט קוקנדיק אויף דער צאָל פייען, וואָס ער באַזיצט.

מיטגלידער פון קאָאָפּעראַטיוו נעמען קיין אָנטייל ניט אין דער אָפּשטימונג: ווען ס׳דאַרף אָנגענומען ווערן אַ באַשלוס בנוגע דער באַשטעטיקונג פון די דורך זיי אונטערשריבענע יערליכע באַ-ריכטן, אָדער בנוגע דאָס אַראָפּנעמען פון זיי דאָס פאַראַנטוואָרט-ליכקייט פאַר די היזקות, וואָס זיי האָבן פאַראורזאַכט דעם קאָאָ-פּעראַטיוו. בשעת ס׳ווערט באַטראַכט די פראַגע וועגן באַשטימען פאַר זיי שכירות אָדער אָפּרופן זיי פון אמט. אַ מיטגליד פון קאָאָ-פּעראַטיוו שטימט אויך ניט, ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן אַ אָפּמאַך, וואָס ער האָט געשלאָסן מיטן קאָאָפּעראַטיוו.

אין דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג האָבן רעכט אָנטייל צו-נעמען מיט באַראַטונגס-רעכט: אַ פאָרשטייער פון רעוויזיאָנס-פאַר-באַנד, צו וועלכן דער קאָאָפּעראַטיוו געהערט, אויב דער קאָאָפּע-ראַטיוו געהערט ניט צו קיין פאַרבאַנד — אַ פאָרשטייער פון קאָאָ-פּעראַטיוון ראַט. די פאַרוואַלטונג דאַרף דעריבער מודיע זיין דעם רעוויזיאָנס-פאַרבאַנד עווענטועל דעם קאָאָפּעראַטיוון-ראַט וועגן דער צונויפרופונג פון אַ אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג.

§ 38. אַ אָרדינערע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג רופט צונויף די פאַרוואַלטונג שפּעטסטנס אין משך פון די ערשטע 4 חדשים פון יעדער יאָר.

אויסער דעם איז די פאַרוואַלטונג מחוייב צונויפצורופן אַן אויסעראָרדינערע פאַרזאַמלוגנ:

1) לויט אַ פאָדערונג פון ראַט. 2) לויט אַ פאָדערונג פון רע-וויזיאָנס-פאַרבאַנד, צו וועלכן דער קאָאָפּעראַטיוו געהערט אָדער פון קאָאָפּעראַטיוון ראַט אויב ער געהערט ניט צו אַזאַ פאַר-באַנד, ענדליך 3) לויט דער פאָדערונג פון 1/10 פון אַלגעמיינעם צאָל מיטגלידער, וועלכע האָבן אויסגעדריקט זייער פאָדערונג אין אַ אונטערגעשריבענעם פאָרשלאָג, וועלכער אַנטהאַלט דעם ציל פון דער פאַרזאַמלונג און די באַגרינדונג פון דער פאָדערונג.

אין לעצטן פאַל (פונקט 3) דאַרף מען די אַלגעמיינע פאַר-זאַמלונג צונויפרופן אויף אַזאַ אופן, זי זאָל קענען פאָרקומען

שפּעטסטנס 4 וואָכן נאָכן אַריינטראָגן דעם פאָרשלאָג. אויב דאָס איז ניט פאָרגעקומען, קען די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג צונויפרופן דעם אָרגאַן, וועלכע איז אַרויסגעטראָטן מיט דער פאָדערונג אָדער דער געהעריקער רעוויזיאָנס־פאַרבאַנד. אויב דער קאָאָפּעראַטיוו געהערט ניט צו אַזאַ פאַרבאַנד—דער קאָאָפּעראַטיוו ראַט.

§ 39. די מעלדונג וועגן דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג מוז צושיקט ווערן אַלע מיטגלידער שריפטלעך, לכל־הפחות מיט אַ וואָך פריער און דאַרף אַנטהאַלטן די צייט, אָרט און סדר־היום פון דער פאַרזאַמלונג.

דער ראַט פון קאָאָפּעראַטיוו, אַ 1/10 טייל מיטגלידער, אָדער דער געהעריקער רעוויזיאָנס־פאַרבאַנד קענען פאָדערן, אַז געוויסע פראַגן זאָלן געשטעלט ווערן אויפן סדר־היום פון דער פאַרזאַמלונג, אויב זיי טראָגן אַריין זייערע פאָדערונגען לכל־הפחות אַ חודש פאַרן טערמין פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג.

§ 40. אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג וועלכע איז צונויפגערופן געוואָרן, ווי ס'דאַרף צו זיין, קען אָננעמען באַשלוסן, ניט קוקנדיק אויף דער צאָל אָנוועזנדע מיטגלידער.

באַשלוסן קען די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג אָננעמען בלויז בנוגע פראַגן, וועלכע געפינען זיך אויפן סדר־היום. די באַראַטונגען פירט אַ פאָרזיצער ד. ה. איינער פון די מיטגלידער פון קאָאָפּעראַטיוו, וועלכער געהערט ניט צום ראַט אָדער פאַרוואַלטונג. דער פאָרזיצער נאָמינירט לאַוויקעס און אַ סעקרעטאַר, אויך פון די קאָאָפּעראַטיוו־מיטגלידער, וועלכע געהערן ניט צום ראַט אָדער פאַרוואַלטונג.

די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג עפנט דער פאָרזיצער פון ראַט אָדער זיין פאַרטרעטער.

די באַשלוסן פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג ווערן אָנגענומען דורך אַ געוויינליכער מערהייט שטימען און ווערן פאַרפראָטאָקאָלירט, באַצייכנדיק דערביי דורך וויפיל שטימען זיי זיינען אָנגענומען געוואָרן.

דער פּראָטאָקאָל דאַרף אויך אַנטהאַלטן די פּראָטעסטן, אויב זיי זיינען אַריינגעטראָגן געוואָרן און דאַרף אַריינגעשריבן ווערן

און אַ ספּעציעלן בוך ,מיט נומערירטע זייטן. ער דאַרף זיין אונ־טערגעשריבן פון פאָרזיצער, סעקרעטאַר און לכל־הפּחות 3 אָנטייל־נעמער פון פאַרזאַמלונג.

דעם פּראָטאָקאָלן־בוך מעגן איבערקוקן די מיטגלידער פון קאָאָפּעראַטיוו. אַ קאָפּיע פון פּראָטאָקאָל שיקט די פאַרוואַלטונג אָפּ, לויט אַ פאָדערונג, דעם געהעריקן רעוויזיאָנס־פאָרבאַנד, אָדער— ביי אומפאַראייניקטע קאָאָפּעראַטיוון—דעם קאָאָפּעראַטיוון־ראַט.

§ 41. ביי וואַלן קומט פאָר אַ געהיימע אָפּשטימונג. אויב קיינער פּראָטעסטירט ניט, קען אויך פאָרקומען אַ עפנטליכע אָפּ־שטימונג. אַלס אויסגעווײילטע קען מען רעכענען די, וואָס האָבן באַקומען מער ווי העלפט שטימען פון די אָנוועזנדע. אין פאַל, אויב די צאָל פערזאָנען, וואָס האָבן באַקומען אַ אַבסאָליוטע מער־הייט, וויזט זיך אַרויס פאַר צו קליין צו באַזעצן די וואַקאַנטע אַמטן, דאַרף מען תיכף אויספירן הוספה־וואַלן דורך אַ געוויינליכער מערהייט שטימען פון צווישן די פערזאָנען, וואָס האָבן ביי דער ערשטער אָפּשטימונג באַקומען אַממערסטן שטימען. אין פאַל פון גלייכע שטימען אַנטשיידט—אַ גורל.

געהיימע אָפּשטימונג איז אויך אָבליגאַטאָריש ביי ענינים פון פאַראַנטוואָרטליכקייט מצד באַאַמטע און ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן אָפּרופן מיטגלידער פון זייער אַמט, ווי אויך ביי אַנדערע פראַגן, אויב דאָס פאָדערט מער ניט ווי 1/10 מיטגלידער וואָס זיינען אָנ־וועזנד אויף דער פאַרזאַמלונג.

אַ רעכטליכער באַשלוס פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, איז אָבליגאַטאָריש פאַר אַלע מיטגלידער פון קאָאָפּעראַטיוו.

דאָס רעכט אַרויסצוטרעטן אין געריכט קעגן אַ באַשלוס פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, האָט מען אין די פאַלן, וואָס ווערן פאָראויסגעזען אין אַרט. 50 פון געזעץ וועגן קאָאָפּעראַטיוון.

ענדערונגען אין סטאַטוט, וועלכע זיינען נוגע די צילן פון קאָאָפּעראַטיוו אָדער דעם געגנשטאַנד פון דער אונטערנעמונג, די העכערונג פון פּיי און די אָבליגאַטאָרישע איינצאָלונגען פאַרן פּיי אָדער די צואַיילונג פון טערמין פון די איינצאָלונגען, ענדליך די באַשטיצונג אָדער העכערונג פון דער הוספה־פאַראַנטוואָרטליכקייט

קען מען באַשליסן בלויז דורך אַ מערהייט פון 3=פערטל שטימען פון די אָנוועזנדע.

די פאַרנאַנדערלאָזונג (ליקווידאַציע) פון קאָאָפּעראַטיוו קען באַשלאָסן ווערן דורך אַ מערהייט פון 3=פערטל שטימען פון די אָנוועזנדע אויף צוויי אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען, וועלכע קומען פאָר איינע נאָך די אַנדערע ניט שנעלער, ווי צוויי וואָכן אַרום.

VI. רעכענונג, פאַרטיילונג פון ריוח און דעקונג פון היזקות.

§ 42. די פאַרוואַלטונג פון קאָאָפּעראַטיוו דאַרף פירן די ביכער און רעכענונגען אויף אַזאַ אופן, ווי דאָס פאָדערט דאָס האַנדלס=רעכט.

אַ באַריכטס=יאָר רעכנט זיך פון 1=טן יאַנואַר ביז דעם 31=טן דעצעמבער.

אויב דער קאָאָפּעראַטיוו האָט אָנגעהויבן זיין טעטיגקייט דעם אַנדער האַלבן קאַלענדאַר=יאָר, קען דער ערשטער רעכענונגס=צייט דויערן ביז ענדע פון קומענדיקן באַריכטס=יאָר.

די פאַרוואַלטונג איז מחויב אײַנצוּאָרדנען אַ רעכענונגס=שלוס און אַ באַריכט פאַרן פאַרגאַנגענעם אָפּעראַציאָנס=יאָר ניט שפּעטער, ווי ביז ענדע מערץ. דער אינווענטאַר, באַלאַנס און רעכענונג פון ריוחים און היזקות דאַרפן זיין אונטערגעשריבן דורך דער פאַר־וואַלטונג און אויפזיכטס-ראַט. אַ אָפּזאָג עס אונטערצושרייבן צוזאַ=מען מיט די מאָטיוון פון אָפּזאָג, מוזן באַצייכנט ווערן אין רעכע=נונגס=שלוס.

די יערליכע באַלאַנסן און אַלע מודעות, וועלכע ווערן געפאָדערט דורכן געזעץ דאַרפן פאַרעפנטליכט ווערן אין דער צייטונג..

אויב די פאַרוואַלטונג שטעלט ניט צונויף דעם באַלאַנס ביז דעם אויבנאָנגעוויזענעם טערמין, קען דער אויפזיכטס-ראַט עס איבער=געגעבן וועמען ס׳איז אַן אַנדערן אויפן חשבון פון דער פאַרוואַלטונג.

§ 43. ביים צונויפשטעלן דעם יערליכן באַלאַנס פון די פאַרשיידענע טיילן פון קאָאָפּעראַטיוו=אייגנטום, דאַרפן זיי ניט אָנ=

געגעבן ווערן אין קיין סומע, וועלכע שטייגט אַריבער דעם פּרייז, וואָס זיי האָבן געקאָסט אָדער די קאָסטן פון זייער שאַפונג. אומ־באַוועגליכע גיטער דאַרף מען פאַגאַשאַיען אין אַ סכום וואָס באַ־טרעפט לכל־הפחות 3 פּראָצענט באַוועגליכע—אויף 10 פּראָצ. פון זייער בוך־ווערט.

ווערט־פּאַפּירן און סחורות דאַרף מען שאַצן לויט זייער מאַרק־פּרייז אין מאָמענט פון באַרעכענען, יעדנפאַלס ניט טייערער פון דעם וואָס זיי קאָסטן.

חובות, דאַרף מען אָנווייזן בלויז די סומען, וועלכע מ׳רעכנט איינצומאָנען. חובות, וועלכע מ׳האָט ניט געקענט איינמאָנען אין משך פון 2 יאָר נאָך זייער צומשפּטונג, דאַרף מען צו רעכענען צום היזק.

די פּייען מעג מען אָנווייזן בלויז אין דער סומע, וואָס איז שוין ווירקלעך אַריינגעטראָגן געוואָרן אויף זייער חשבון. ניט אויסגעצאָלטע חובות, ווי אויך הכנסות וואָס זיינען אָנגענומען גע־וואָרן אויפן חשבון פון צוקינפטיקן רעכענונגס־יאָר דאַרפן אין באַ־לאַנס באַצייכנט ווערן אויפן געהעריקן אופן.

די פּרטים פון יערליכן באַריכט דאַרף מען אָנגעבן לויט דעם נוסח פון אויפזיכטס־ראַט.

דעם באַריכט, באַלאַנס, ווי אויך די רעכענונג פון היזקות און רווחים, דאַרף מען אויסלייגן אין לאָקאַל פון קאָאָפּעראַטיוו לכל הפחות צוויי וואָכן פאַר דעם טערמין פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג אויף אַזאַ אופן, דאָס יעדער מיטגליד זאָל עס קענען איבערקוקן און אראָפּשרייבן אַ קאָפּיע. אַ מיטגליד קען אויך פאָ־דערן דער קאָאָפּעראַטיוו זאָל אים באַזאָרגן מיט אַ קאָפּיע אויפן מיטגלידס חשבון (§ 10).

§ 44. פון יערליכן רווח דאַרף מען אָבגעבן יערליך לכל הפחות 10 פּראָצ. אויפן רעזערוו־פאָנד. דאָס דאַרף פאָרקומען אַזוי לאַנג ביז דער רעזערוו־פאָנד, וועט דערגרייכן די סומע פון די איינגעצאָלטע פּייען. צו דעם פאָנד פאַררעכענען זיך פאַרעלטערטע פּייען. (§ 8.) די דיווידענטן פון גאַנצע פּייען, וועלכע זיינען ניט געפאָדערט געוואָרן אַ משך פון 5 יאָר. (§ 45). דער רעזערוו־פאָנד

דינט אויסשליסלעך צו דעקן באַלאַנס=היזקות.

§ 45. די איבעריקע רווחים באַשטימט די אַלגעמיינע פאַר=זאַמלונג אויף די דיווידענד פון פייען אָדער אויף ספּעציעלע צילן אָדער פאָנדן. די דיווידענטן קענען אָבער ניט זיין העכער ווי מיט 2 פראָצ. פון דעם דיסקאָנט=פּראָצענט, וואָס דער פוילישער באַנק האָט גענומען פאַריקן יאָר. דיווידענטן ווערן אוויסגעצאָלט בלויז פון גאַנצע פייען. דער רווח פון ניט גאַנצע פייען ווערט צוגערעכנט צו דער פיי=סומע (§ 12.)

דיווידענטן, וועלכע זיינען ניט אָפּגענומען געוואָרן אַ משך פון 5 יאָר, גייען אַריבער אין רעזערוו=פאָנד פון קאָאָפּעראַטיוו(§ 44.)

§ 46. די אָנגעוויזענע אין באַשטעטיקטן באַלאַנס=היזקות ווערן געדעקט ראשית פון רעזערוו=פאָנד. אויב ער גענוגט ניט, ווערן די היזקות געדעקט דורך די פייען. אויב דאָס גענוגט אויך ניט, דאַרפן די מיטגלידער דעקן די היזקות, אויפן סמך פון אַ באַשלוס וואָס ווערט אָנגענומען דורך דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג מיט אַ אַבסאָליוטער מערהייט שטימען, דורך אַ צוגעאַיילטער איינצאָלונג פון די דעקלאַרירטע פייען אויב מ׳וואָלט נאָך אויף אַזאַ אויפן אויך ניט געקענט דעקן דעם היזק, דעקן אים די מיטגלידער דורך צוצאָלונגען. פּראָפּאָרציאָנעל צו די דעקלאַרירטע פייען אין די גרעניצן פון דער אויף זיך גענומענער הוספה=פאַראַנטוואָרטליכקייט די היזקות פון ערשטן רעכענונגס=יאָר קען מען איבערלאָזן צום דעקן אין צווייטן יאָר. ביי די ווייטערדיקע יאָרן גילט עס ניט. די צאָלונגען וואָס דער מיטגליד טראָגט אַריין פאַרקלענערן דעם מאָס פון זיין פאַראַנטוואָרטליכקייט, אויב מען קערט אים עס ניט אום אין די שפּעטערדיקע יאָרן.

די חובות אויפן חשבון פון די באַשלאָסנע צוצאָלונגען קען מען ניט אַריינרעכענען אין אַקטיוו פון באַלאַנס.

די רווחים פון די קומענדע יאָרן דאַרפן ראשית=כל באַנוצט ווערן אויף צוריקשטעלן צו אָראָפּגעשריבענע פייען און דערנאָך אויף צוריקקערן די צאָלונגען. די צוריקשטעלונג פון די פייען קומט פאָר פּראָפּאָרציאָנעל לויט די אַראָפּגעשריבענע סכומים, די צוריקערונג פון די צוצאָלונגען—פּראָפּאָרציאָנעל לויט די איינגעצאָלטע סומען.

ביזן פאַרענדיקן די אויסצאָלונג פון די צוצאָלונגען, ווערט ניט אויסגעצאָלט קיין דיווידענטן און ס'ווערן ניט אַראָפּגערעכנט קיין סכומים פאַרן רעזערוו-פאָנד, אַ מיטגליד, וואָס איז אַרויסגעטראָטן פון קאָאָפּעראַטיוו, האָט פאַרלאָרן זיין רעכט אויף באַקומען די צוצאָלונג. אַלע צוצאָלונגען און זייער צוריק אויסצאָלונג דאַרף באַצייכנט ווערן אויף די רעכענונגען פון די איינצעלנע מיטגלידער.

V. רעוויזיע.

§ 47. מיטן צוועק אויסצופאָרשן זיין אייגנטום-שטאַנד, ווי אויך מיטן צוועק צו פאַרפאָלקאָמענען זיינע איינאָרדענונגען און אינערלעכע אַרבעט, קען דער קאָאָפּעראַטיוו אַריינטרעטן אין רע-וויזיטנס פאַרבאַנד.

לכל הפחות איין מאָל אין 2 יאָר מוז דער קאָאָפּעראַטיוו זיך אונטערוואַרפן אַ רעוויזיע מצד אַ קאָמפּעטענטן רעוויזאָר, וואָס געהערט ניט צום קאָאָפּעראַטיוו און ווערט באַשטימט דורכן געהעריקן פאַרבאַנד. אויב דער קאָאָפּעראַטיוו געהערט ניט צום רעוויזיאָנס-פאַרבאַנד, באַשטימט דעם רעוויזאָר דער קאָאָפּעראַטיוון-פאַרבאַנד.

די קאָסטן פון דער רעוויזיע צאָלט דער רעווידירטער קאָאָ-פּעראַטיוו אַיין דעם אָרגאַן, וואָס האָט בעשטימט דעם רעוויזאָר, לויט די נאָרמען, וועלכע זיינען באַשטימט געוואָרן פאַר די פאַר-באַנדס-קאָאָפּעראַטיוון צו די רעוויזיאָנס-פאַרבאַנדן, פאַר ניט פאַר-בינדנדע קאָאָפּעראַטיוון—דורכן קאָאָפּעראַטיוון ראַט.

§ 48. אויב די טעטיקייט פון קאָאָפּעראַטיוו ווייזט אַרויס ערנסטע פאַרברעכנס קעגן געזעץ אָדער סטאַטוט, און דער קאָאָפּע-ראַטיוו וועט עס ניט אויסבעסערן צום טערמין, וואָס ווערט אָנגע-וויזן דורכן אָרגאַן, וואָס באַשטימט דעם רעווידענד, קען דער אָרגאַן אָנהויבן אין קרייז-געריכט אַ פּראָצעס קעגן דעם קאָאָפּעראַטיוו, פאָדערנדיק ער זאָל זיך פאַרנאַנדערלאָזן.

VI. פאַרנאַנדערלאָזונג און ליקווידאַציע.

§ 49. די פאַרנאַנדערלאָזונג פון קאָאָפּעראַטיוו קומט פאָר צוליב סיבות, וועלכע זיינען אָנגעוויזן אין אַרט. 75 פון געזעץ.

די ליקווידירונג פון קאָאָפּעראַטיוו ווערט געפירט אין הסכם מיט די פאָדערונגען פון די אַרט. 84—76 פון געזעץ.

Drukarnia Br. Rozental. Wilno, Rudnicka